# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים

## פרשת ראה



## כיתה ח' (א-ב)

הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו

הר"ר שאול יחזקאל שווארץ הי"ו

בס"ד

# חידו"ת לפרשת ראה

**עשר תעשר וגו', במדרש פליאה, הה"ד אם השמאל ואימינה ואם הימין ואשמאילה.**
איז דער הייליגער אפטער רב מסביר די מרדש אזוי, מיט די גמרא אין מס' תענית (דף ט.) וואס דרשנ'ט פון די פסוק עשר תעשר עשר בשביל שתתעשר, אז דורך אראפ געבן מעשר ווערט מען רייך, און אין מדרש תנחומא שטייט אז איינער וואס פלעגט אראפ נעמען מעשר פון זיינע פעלדער, און שפעטער האט ער אויפגעהערט, האט זיין פעלד אנגעהויבן ארויס צוגעבן נאר א צענטל ווי ביז יעצט. דאס זאגט דער מדרש, עשר תעשר, הה"ד אם השמאל, אויב דו וועסט לייגן די פינטל אויף די לינקע זייט פונעם ש', דאס הייסט אז דו וועסט זאגן עשר, און דו וועסט אראפ נעמען א צ ענטל פאר מעשר, דעמאלטס ואימינה, וועל איך דער באשעפער עס לייגן אויף די רעכטע זייט, און עס וועט ווערן א ש', דאס מיינט עשירות, אבער אויב ואם הימין, אז דו וועסט לייגן די פינטל ביי די רעכטע זייט פון די ש', אז דו ווילסט נישט אראפ נעמען קיין מעשר, נאר דו ווילסט ווערן רייך מיט א גרויסער עשירות, איז ואשמאילה, וועט דער באשעפער לייגן די פינטל אויף די לינקע זייט פונעם ש', און עס וועט ווערן פון דעם נאר עשר, אז ס'וועט דיר וקסן אין פעלד נאר א צענטל פון וויפיל עס פלעגט דיר וואקסן ביז יעצט.

**נתון תתן לו ולא ירע לבבך בתתך לו,** וי"ל דהנה הנותן צדקה הרי רצונו וחפצו לקיים המצוה בשלימות, ליתן להעני די מחסורו אשר יחסר לו, אולם כמה יש בכוחו של בן אדם ליתן, וכמה שנתן להעני עדיין לא נתן שיעור מספיק כדי צרכי הוצאות העני, ועל זה כואב לבו של הנותן שלא נתן די הצורך ורוצה ליתן לו יותר, אכן יש עצה לזה ליתן להעני גם זכות המצוה עצמה ושכרה, ובזה כבר נתן לו מתנה מרובה, שהרי אין קץ לשכרה של המצוה, וזשה"כ נתן תתן לו - שתתן לו גם את ה"נתון", היינו מצות הנתינה בעצמה, וממילא ולא ירע לבבך בתתך לו - שלא יכאב לבך על מה שלא נתת לו יותר, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלוקיך וא"כ כבר נתת לו ברכה מרובה דהיינו מלבד ממונך גם שכר המצוה שמגיע לך על הנתינה.

**(בשם הגה"ק מצאנז זי"ע)**

בס"ד

**פתוח תפתח את ידיך**, טייטשט דער ווילנער גאון ז"ל מיט די גמרא אין מסכת בבא בתרא (דף י' ע"א) אז רב פפא איז געגאנגען אויף די טרעפ, און איז אראפ געפאלן, האט אים רבי חנינא געזאגט אז עס קען זיין אז א ארימאן איז געקומען צו דיר בעטן צדקה, און דו האסט אים נישט געגעבן קיין צדקה, וועגן דעם ביזסטו אראפ געפאלן. לכאורה דארף מען פארשטיין פון האט רבי חנינא געוויסט אז די עונש איז זיך אים געקומען צוליב די סיבה, נאר עס קען זיין אז די ווערטער 'פתח תפתח' האט די טראפן פון 'דרגא תביר', וואס איז טייטש א צובראכענע טרעפל, וואס דאס איז א רמז אויף איינעם וואס גיבט נישט קיין צדקה, וואס ער ווערט געשטראפט מיט אראפ פאלן אויף א צובראכענע טרעפל.

**ולא יראה פני ריקם איש כמתנת ידו כברכת ה' אלוקיך אשר נתן לך, ובתרגום כברכתא דה' וגו'**, ולכאורה כיון שאמר איש כמתנת ידו כבר ידענו שהוא כפי אשר תשיג ידו, גם תיבות אשר נתן לך מיותר. ונראה דאיתא בגמ' ברכות (לה.) ר' לוי רמי כתיב לה' הארץ ומלואה, וכתיב השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם, לא קשיא כאן לפני ברכה כאן לאחר ברכה, והענין הוא דכל מה שברא הקב"ה לא ברא אלא לכבודו (אבות פ"ו) דהיינו כדי שישמרו תורתו ומצותו וידעו כי ממנו הכל ומידו נתנו להם ולתכלית זה נברא כל העולם, והברכה שמברך על המאכל הוא לאות כי מקבל מלכותו ואדנותו יתברך, נמצא כי בזאת השלים תכלית כוונת הבריאה שהרי לכך נברא, וע"י ברכתו עושה קנין בהמאכל שהרי הוא סיבה לחיזוק וקיום העולם, וע"כ כתיב והארץ נתן לבני אדם, משא"כ קודם ברכה שלא עשה עדיין שום פעולה לחיזוק וקיום העולם, אין לו קנין בהמאכל, וע"כ כתיב לה' הארץ ומלואה כי לא השלים עדיין תכלית הבריאה ולפי"ז מובן היטב שמקודם אמר ולא יראה את פני ה' ריקם איש כמתנת ידו, ושלא יקשה הא אינו שלו וכאמרם באבות (פ"ג מ"ז) תן לו משלו שאתה ושלך שלו וא"כ מדוע יקרא מתנת ידו, וע"כ בא כמשיב כברכת ה' אלוקיך, וכביאור התרגום כברכתא דה' אלוקיך, היינו ע"י הברכה שמברך להקב"ה והאמונה שמאמין כי הכל מאת ה' הוא, בזה יעשה חזקת קנין שיקרא על שמו וזהו כברכת ה' אלוקיך ע"י הברכה אשר נתן לך שנחשב כאילו הוא שלו כי לאחר הברכה הארץ נתן לבני אדם.

**(דברי יואל)**